יום חינוך הטהור

למען קיום מוסדותינו הק'
"יטב לב דרבינו יואל"
שהם יסוד החינוך הטהור
בארץ הקודש

# קול חינוך הטהור

ערשיינט אין בעפארגרייטונג צום
מעמד "חינוך הטהור" לטובת יטב לב בארה"ק
**ג' נשא, כ"ז אייר, באולם ראוז קעסטל**

**גליון א** • ערש"ק בחוקותי

# פינאַנציעלער באַריכט




**"סהאָט נישט באַקומען דעם ריכטיגן אויפמערקזאַמקייט ווי עס וואָלט געדאַרפט באַקומען"** - האָבן פילע אנ"ש זיך אָפגערעדט, און מיט רעכט - נאָכן זיך דערוויסן פון דעם פריידיגן באַריכט וואָס איז ערשינען אין די "בקודש חזיתיך" אויסגאַבע פון שבת מברכין אייר העעל"ט, אַז נאָך פאַר'ן יום טוב פסח העעל"ט האָט מען ב"ה באַוויזן אויסצוצאָלן דאָס גאַנצע געהאַלט פאר די כלי קודש אין אונזערע הייליגע מוסדות אין ירושלים און אין בני ברק.

ווען עס זאל זיין די רעדע ביי אַנדערע מוסדות, וואָלט מען שוין געהאנגן דערפון גרויסע ליילעכער, און מ'וואָלט דאָס נישט דורכגעלאָזט אַזוי נו.

און אין אמת'ן גערעדט. וואָס איז די גרויסע נייעס? מה כל הרעש? מ'האָט באַצאָלט! נו וועלכע מוסד באַצאָלט דען נישט? בעסער געפרעגט: וועלכער אַרבעטער ווערט דען נישט באַצאָלט פאר זיין אַרבעט? אפשר וועט נאָך אַמאָל זיין א נייעס אַז א געשעפטס-מאַן באַצאָלט זיינע אַרבעטער?

טאַקע א גערעכטע טענה, אָבער דאָס איז דער מציאות. זעקס-זיבן חדשים איז מען געשטאַנען אונטערשטעלונג, און שוין יאָרן וואָס מ'קען זיך עפעס נישט אַרויסזען פון דעם פלאָנטער, און אַצינד פאר פסח האָט מען מיטאַמאָל געהאַלטן ביי א 0 באַלאַנס.

וואָס איז דאָ געווען? ווי אַזוי איז מען אָנגעקומען צו אַזאַ מצב?

האַלטענדיג אַצינד פאַר'ן יערליכער דינער לטובת אונזער הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק, וואָס איז באַשטימט אויף קומענדיגן ג' פרשת נשא, כ"ז אייר הבעל"ט, איז א דבר בעתו צו געבן פאר אונזערע "שותפים" די תומכי מוסדותינו הק', א קורצן איבערזוכט - באַקאַנט שוין ביי אונז פון פאַרגאַנגענעם יאָר אַלס "פינאַנציעלער באַריכט" - איבער דעם פאַרלאָפענעם יאָר, וועלכע וועט געוויס ברענגן צום העכסטן אויבערפלאַך, די אויסטערלישע דערגרייכונג צו וואָס מען האָט ב"ה דערגרייכט, אַז מ'האָט ב"ה מצליח געווען גענצליך אויסצוצאָלן דאָס געהאַלט אויפן יום טוב פסח העעל"ט.

## סדר השנה

אונזערע תומכים זענען שוין געוויס באַקאַנט מיטן סדר השנה, ווי אַזוי דער פינאַנציעלער יאָר איז אויסגעשטעלט ביי אונז און ביי אַנדערע מוסדות התורה. לאָמיר עס נאָר בלויז איבער'חזר'ן אין קורצן.

אין אַלגעמיין מוסדות התורה אומעטום האָבן א באַשטימטן סדר ווי אַזוי דער בודזשעט ווערט געשאַפן און אַהערגעשטעלט, און עפ"י רוב איז דער בודזשעט פון יעדן מוסד איינגעטיילט אין פאַרשידענע חלקים. איין חלק בודזשעט ווערט געשאַפן דורך שכר לימוד וואָס עלטערן צאָלן, א צווייטער טייל דורך שטאָטישע פּראָגראַמען, דערצו האָט יעדער מוסד שוין געוועגליך זיינע זייטיגע הכנסות, ווי שמחה זאלן, פרויען פאראיין און נאָך, און וואָס עס פארבלייבט נאָך אומגעדעקט אויך נאָך די אַלע הכנסות, אויף דעם איז דאָ דער חלק פון "פאונדרעזינג" וואָס שאַפט די סכומים.

מוסדות יטב לב אין ארה"ק איז נישט אַנדערש. אנ"ש אין ירושלים און אין בני ברק זענען ווייט ווייט פון פאַרמעגליך. אפילו בני ברק וועלכע האָט ביז נישט לאַנג צוריק, געהייסן מער א באלבאטישע שטאָט, פאַרמאָגענדיג א באַדייטענדע צאָל מער פאַרמעגליכע בעלי בתים, האָט שוין לאַנג פאַרלוירן אָט דעם סטאַטוס, און מייסטענס אידן זענען דאָרט שוואַכע בעלי יכולת וואָס פלאָגן זיך על המחי' ועל הכלכלה.

פּאָרט איבער שטרענגט מען זיך דארט אן, מ'צאָלט דארט שכר לימוד, און מ'רעכט דארט אָפּ דינערס, ביי וועלכע דער ציבור שטרענגט זיך אן איבער די כוחות צו שטיצן די אייגענע מוסדות. דאָס זענען די סטאַבילע הכנסות פון די מוסדות.

איין טייל פונעם בודזשעט איז אָבער פאַרהאַן וואָס איז נישט דאָ אין ארץ ישראל, און דאָס איז "שטאָטישע פּראָגראַמען" נאָכדעם וואָס די תושבי ארה"ק זענען מצווים ועומדים עפ"י דת תורתינו הק' זיך גענצליך אָפּצושיידן פון סיי וועלכע שטיצע ממקורות זרים.

טאַקע צוליב דעם, כדי אַז די מוסדות אין ארץ ישראל זאלן זיך קענען אויסהאַלטן און קענען ביישטיין די נסיונות, האָט רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אַוועקגעשטעלט דעם יסוד, אַז א דריטל פונעם בודזשעט פון די ארץ ישראל'דיגע מוסדות דאַרף געשאַפן ווערן אין אויסלאַנד, און זאל חודש'ליך געשיקט ווערן פון דאָהי קיין ארץ ישראל. שוין יאָרן לאַנג וואָס עס גייט טאַקע אַזוי אן, און די געטרייע חברי הנהלה האָבן און לייגן ווייטער אַריין אַסאַך כוחות דאָס צו שאַפן און שיקן.

ליינער מיט א געבענטשטן זכרון געדענקן נאָך זיכער, אַז אונזער "פינאַנציעלער באַריכט" פון פאַרגאַנגענעם יאָר, איז געווען באַזירט אויף דעם פאַקט, אַז נאָך איבערמידליכע כוחות האָט מען ב"ה באַוויזן אַהערצושטעלן דאָהי אין ניו יאָרק א סטאַבילן בודזשעט, כדי מ'זאָל קענען שיקן יעדן איינציגן חודש די תמיכה וואָס דאַרף געשיקט ווערן, און בלויז א טייל פון נדבות אנ"ש גייט אויף צו באַצאָלן די אָנגעזאַמעלטע חובות וואָס ווערט ב"ה ביסלעכווייז באַצאָלט.

### וואָס טוט זיך אין ארץ ישראל?

אין ארץ ישראל איז אָבער די מעשה ליידער געווען אַנדערש. אונזערע מוסדות אין בני ברק האָבן ליידער דורכגעמאַכט אַזעלכע שווערע צייטן וואָס איז פאר קיין שום מוסד נישט געוואונטשן. (איבער די ירושלים'ער מוסדות וועלן מיר שפּעטער רעדן אי"ה.) די בני ברק'ער מוסדות האָבן במשך השנים זיך געשאַפן פאַרשידענע זייטיגע הכנסות, ווי "שמחה זאלן" און א האָטעל וואָס האָט חודש'ליך געברענגט פאר די מוסדות א שיינע הכנסה. אָט די הכנסה האָט געברענגט דערצו, אַז מיט אַלעם צוזאַמען, שכר לימוד, דינער געלט, שמחה זאלן, האָטעל, ועל כולם מיט די תמיכה וואָס איז חודש'ליך געקומען פון ניו יאָרק, האָבן זיך די מוסדות הק' מער-ווייניגער געדעקט.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען יאָרן, און עס וואָלט וואַרשיינליך ביז היינט אויך געקענט אָנהאַלטן. אָבער ויבא השטן בתוכם. בני ברק איז א שטאָט וואָס זעורין אינון פון די מוסדות התורה זענען פאַרהאַן וואָס קענען ביישטיין דעם שווערן

**וואָס איז די גרויסע נייעס? מה כל הרעש? מ'האָט באַצאָלט! נו וועלכע מוסד באַצאָלט דען נישט? בעסער געפרעגט: וועלכער אַרבעטער ווערט דען נישט באַצאָלט פאר זיין אַרבעט? אפשר וועט נאָך אַמאָל זיין א נייעס אַז א געשעפטס-מאַן באַצאָלט זיינע אַרבעטער?**

ב"ה

ראשון לחשבון

מוסדות
יטב לב בארה"ק
ג' נשא • כ"ז אייר
באולם ראָזז קעסיל

פון דאָהי
האָט מען אַלעס געשיקט
קיין ארה"ק

אין ארה"ק
האָט מען אַלעס אויסגעצאָלט
פאר די כלי קודש

צום ערשטן מאָל אין פילע יאָרן זענען
ב"ה אַלע חשבונות אויסגעגליכן...

כדי דאָס אָנצוהאַלטן
איז קריטיש וויכטיג די ווייטערדיגע
שטיצע פונעם ברייטן ציבור אנ"ש

ברענגט
מיט
לכה"פ
$360



$360

נסיון פון נהנה זיין משלטון הכופרים. עס איז דעריבער פאַרשטענדליך אַז אַזעלכע פרעכטיגע מוסדות ווי מוסדותינו הק׳ אין די שטאָט, איז געווען ווי א ״גירא בעינא דשטנא״ צייגענדיג אַז מ׳קען אָנגיין אויך ווען מען איז נישט נהנה משלטון הכופרים אפילו א פרוטה אחת. די מוסדות האַלטן זיך נאָך אויך אויס געהעריג. דער כח הטומאה האָט דאָס נישט אויסגעהאַלטן, און מיט פאַרשידענע לבושים און שלוחים איז געלונגען אויף דערווייל אָפּצוהאַלטן פאַרשידענע וויכטיגע הכנסות פון אונזערע הייליגע מוסדות.

## וואָס איז דער ציל?

וואָס עס איז דער ציל איז גאַנץ פשוט... צוברעכן דעם כח ההנהגה. אָבער ווי אַזוי האָט מען דאָס געוואָלט דעגרייכן? גאַנץ פשוט. פון איין זייט שטייען געטרייע חברי הנהלה. זיי טראָגן דעם שווערן לאַסט פון פירן די הייליגע מוסדות. וואָס אָט די ווערטער ״פירן די הייליגע מוסדות״ נעמט אין זיך אַריין זייער אַסאַך. עס מיינט צום אַלעם ערשטן ״צאָלן די איינגעשטעלטע״; עס מיינט צאָלן אַנדערע וויכטיגע איינריכטונגען, און צווישן אַנדערן צאָלן פאר סופּלייערס וואָס ברענגן די פראָדוקטן מיט וואָס מ׳שטעלט צו די סעודות אינעם בית התבשיל פאר די תלמידי המוסדות. יאָ, דאָרט דאַרף מען פאר דעם באַצאָלן. דאָהי אין אַמעריקע איז מען צוגעוואוינט, אַז ״עסן״ קריגט מען פון פאַרשידענע רעגירונגס פּראָגראַמען, אַזוי אַז עס מאַכט זיך כמעט נישט אַז עס זאל זיין א פּראָבלעם אַז מ׳זאָל נישט קענען קריגן עפּעס א פּראָדוקט. אָבער אין ארץ ישראל איז אַנדערש. אין ארץ ישראל טאר מען נישט, און מען איז טאַקע נישט נהנה פון זיי קיין שוה פרוטה. צו געבן סעודות פאר די קינדער איז א געהעריגער טייל פונעם בודזשעט פון די מוסדות, און עס קאָסט אָפּ אַסאַך אַסאַך געלט, וואָס דאָס אַלעס ליגט אויף די פלייצעס פון די חברי הנהלה.

אויסער דעם קאָסט אָפּ נאָך פאַרשידענע איינריכטונגען, ווי אויפהאַלטן בנינים, רוימער, יוטילעטי בילס, וואַסער בילס און אַזוי נאָך און נאָך. דאָס מיינט אַז יעדן איינציגן טאָג זענען די געטרייע חברי הנהלה אַריינגעטון אין די אַרבעט, מ׳דאַרף זען צו דעקן די הוצאות וואָס דער טאָג ברענגט מיט זיך, און דערצו דאַרף מען זען צו דעקן די רעגעלמעסיגע הוצאות וואָס איז שוין אָנגעקומען אָדער וועט עס אָנקומען ביז א טאָג-צוויי צי באחד מן הימים.

**ליינער מיט א געבענטשטן זכרון געדענקן נאָך זיכער, אַז אונזער ״פינאַנציעלער באַריכט״ פון פאַרגאַנגענעם יאָר, איז געווען באַזירט אויף דעם פאַקט, אַז נאָך איבערמידליכע כוחות האָט מען ב״ה באַוויזן אַהערצושטעלן דאָהי אין ניו יאָרק א סטאַבילן בודזשעט,**

עס איז לא יאומן כי יסופר וויפיל שוועריקייטן מ׳גייט דורך ביז מ׳זעט זיך מיט אַביסל געלט אין די הענט דאָס צו קענען באַצאָלן, אַזש די געטרייע חברי הנהלה האָבן אָפּטמאָל נישט קיין טאָג און קיין נאַכט. פאַר׳ן שרייבער פון די שורות איז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען, ווען מ׳האָט זיך געדאַרפט פארשטענדיגן פון דאָהי אין ניו יאָרק מיט איינעם פון די געטרייע חברי הנהלה אין ארץ ישראל, האָבנדיג וויכטיגס וואָס איבערצושמועסן בנוגע די מוסדות, טראָץ דעם האָט מען אונז כסדר אָפּגעשטופּט דורכאויס דעם גאַנצן טאָג זייענדיג פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ מיט וויכטיגע ענינים בנוגע די מוסדות. עס קען דורכגיין שעות אויף שעות ביז מ׳האָט די מעגליכקייט צו רעדן טעלפאניש דאָס וואָס עס דאַרף אויסגעשמועסט ווערן, און ערשט ווען דאָהי איז שוין טונקל, א באַדייט אַז אין ארץ ישראל איז שוין באלד פאַרטאָגס, ערשט דאַן האָט מען די מעגליכקייט צו פירן א רואיגן שמועס. ביז דאַן, א גאַנצן טאָג ממש, און דערצו אויך א גרויסן חלק פון די נאַכט זענען די געטרייע חברי הנהלה געווען פאַרנומען, מ׳האָט געשוויצט און געאַרבעט, געטון און געמאַכט, געבאָרגט פון דעם, גע׳שתדל׳ט ביי יענעם, אַלעס נאָר זיכער צו מאַכן אַז דער בודזשעט איז גענצליך אַהערגעשטעלט געוואָרן.

דאָס איז די אַרבעט און אחריות פון די געטרייע חברי הנהלת המוסדות. און ווער שטייט קעגן זיי? מיט וועמען איז מען אין קאמפ? מיט א גרופּע וועלכע האָבן קיין שום עול נישט אויפן קאָפּ. אייגענטליך, איין ״עול״ האָבן זיי יאָ, אָבער ליידער א פאַרקערטע, צו צוברעכן וואָס מער די הייליגע מוסדות. זיי דאַרפן נישט צאָלן קיין כלי קודש, קיין פּראָדוקטן, קיין לעקטער ביל און קיין וואַסער ביל, גאָרנישט. און אַז די כלי קודש וועלן אַהיימגיין עטליכע חדשים נאָכאַנאַנד אן צו באַקומען באַצאָלן, איז ביי זיי אויך נישט געפערליך. אדרבה, פאר זייער נצחון איז ליידער גאָר בעסער אַז מען זאל וואָס וויניגער צאָלן פאר די כלי


ב״ה

גערענקט דעם ציל!

דער ציל איז:
בעזהשי״ת פאָרצוזעצן די הצלחה אויף א גאַנץ יאר

די מעגליכקייט דערפון:
איז געוואָנדן אין די הצלחה פונעם דינער!

מוסדות
יטב לב באַרה״ק
ג׳ נשא • כ״ז אייר
באולם ראוז קעסיל

יום חינוך הטהור
למען קיום מוסדותינו הק׳
״יטב לב דרבינו יואל״
שהם יסוד החינוך הטהור
בארץ הקודש

מיט אייער נתינה פון לכה״פ
$360 ביים דינער

העלפט איר צו דערגרייכן צום ציל

קודש, ווייל כולי האי ואולי וועלן די געטרייע חברי הנהלת המוסדות, זיך מוזן ברעכן, אויב איז נישט געגוג דער שווערער מצב ווי אַזוי עס קוקט איצט אויס, וועלן די מוסדות ר"ל אַריינפאַלן אין טאָטאַלן כאַאָס, און דאַן וועלן זיי קענען פייערן נצחון היל"ת.

איי, וואָס וועט דעמאָלט זיין? הונדערטער קינדער וועלן בלייבן אן קיין דאַך איבערן קאָפּ! די פרעמדע גאַס וועט לאַכן פון סאַטמאַר, און דער בזיון פאר די שיטה הק' פון רבי'ן זי"ע וועט דאַך זיין שרעקליך שרעקליך, אָבער אויב דער ציל איז צו פאַרקריפּלען די מוסדות, און דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן, ווערט אַלע מיטלען גע'כשר'ט דערצו.

דאָס איז ליידער דער מציאות וואָס מ'לעבט שוין מיט אין די לעצטע עטליכע יאָרן, און מיר מוזן מודה זיין על האמת. ס'איז נישט געווען ווייט פון דעם אַז עס זאל ח"ו געלונגען הלי"ת.

דאָס איז אין קורצע ווערטער דער מצב אין בני ברק.

## "מיד תקבלו" - פון די האַנט ארויס

אָבער לאָמיר אויף א ווײַלע זיך אומקערן קיין ניו יאָרק. דאָהי פלאָגן זיך די געטרייע חברי הנהלת המוסדות, מ'אַרבעט שווער צו שאַפן יעדן איינציגן חודש די פאַנטאַסטישע סומע פון $130,000 כדי צו קענען שיקן קיין ארה"ק די רעגעלמעסיגע תמיכה.

ווי שוין דערמאַנט פריער. דאָס געלט וואָס ווערט געשיקט פון דאָהי איז קריטיש וויכטיג פאר די אָרטיגע מוסדות, וואָס דייקא די היזיגע געלט, דאָס ערגענצט דעם בודזשעט און ערמעגליכט אַז די מוסדות זאלן האָבן די ברייטע מעגליכקייט זיך גענצליך מתנזר צו זיין ממקורות זרים. דאָס געלט פון דאָהי קומט נישט אן באַצייטענס, ברענגט עס אויך א שווערן עול אויף די אָרטיגע חברי הנהלה. אַנשטאָט צו זיין פאַרנומען מיטן אהערשטעלן דעם בודזשעט פון די מוסדות און אָנצופירן אַלע פונקציעס ווי עס דאַרף צו זיין, דאַרפן די געטרייע חברי הנהלה זיין פאַרנומען מיט שאַפן דאָס געלט וואָס איז נישט אָנגעקומען. ווייל אויב דאָס געלט איז נישט אָנגעקומען, דאַרף מען דאָס שאַפן פון ערגעץ אנדערש. מ'הייבט אן צו באָרגן און עס דרייט זיך א ראָד וואָס מ'קען שווערליך דרייען. אַזוי אַז עס איז קיין צווייפעל אַז אפילו ווען דער בודזשעט איז געדעקט פעלט זיך קריטיש וויכטיג אויס אַז דאָס געלט זאל פון דאָהי געשיקט ווערן באַצייטענס.

אָבער אויב איז דאָס בשנים כתיקונם איז דאָס נאָך פיל מער וויכטיגער אין דעם שעת חירום וואָס די מוסדות גייען ליידער דורך. יעדע דאָלאַר וואָס קומט אן פון דאָהי צו די הענט פון די הייליגע מוסדות איז "כאויר לנשימה". עס איז ווי א שלונג וואַסער פאר א מענטש וואָס האָט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד שוין נישט געשפירט קיין פליסיגקייט אין מויל.

דאָס הייסט, אַז אפילו ווען מען שיקט פון דאָהי דעם זעלבן סכום וואָס מ'שיקט ביז היינט, איז איצט קריטיש וויכטיג אַז מען זאל דאָס שיקן באַצייטענס, כדי אַז די אָרטיגע חברי הנהלה זאלן האָבן די מעגליכקייט צו קענען דעקן כאָטש דעם טייל פונעם בודזשעט וואָס ווערט געדעקט מיט די היזיגע תמיכה, און דעם ענערגיע וואָס זיי דאַרפן ליידער אַריינלייגן ביים דרייען מיט חובות, זאל כאָטש קענען אויסגענוצט ווערן אויף דעם טייל פונעם בודזשעט וואָס ווערט ליידער צוריקגעהאַלטן פון שמחה זאלן און האָטעל.

דער שווערער מצב דערמאָנט א טייערע ווארט פון פריערדיגע צדיקים. אין די הייליגע טעג זאָגט מען אינעם פייט "ונתנה תוקף" די ווערטער "ועד יום מותו תחכה לו אם ישוב מיד תקבלו". האָבן צדיקים דאָס געטייטשט מיט א משל. מ'זעט אַמאָל ביי א שמחה, מ'ברענגט אַריין פאַרשידענע מאכלים און די סערווירער פאַרטיילן דאָס צווישן די משתתפים. אָבער אַז עס קומט שפּעטער ווען מען ברענגט אַריין עפּעס א ספּעציעלן מאכל, וועלן אַלע זיין אַזעלכע וואָס וועלן זיך צושטופּן צום סערוויער, און גיין אראפּכאַפּן א טעלערל-צווי, זייענדיג אויסגעהונגערט נאָך דעם ספּעציעלן מאכל.

**אָבער ויבא השטן בתוכם. בני ברק איז א שטאָט וואָס זעורין אינון פון די מוסדות התורה זענען פאַרהאַן וואָס קענען ביישטיין דעם שווערן נסיון פון נהנה זיין משלטון הכופרים. עס איז דעריבער פאַרשטענדליך אַז אַזעלכע פּרעכטיגע מוסדות ווי מוסדותינו הק' אין די שטאָט, איז געווען ווי א "גירא בעינא דשטנא"**

"תשובה" - זאָגן די צדיקים - איז היינט אן אַרטיקל פון וואָס עס איז היינט ליידער ווייניג דאָ אויף די וועלט. אַז עס קומט אַרויף אויף יענעם עולם אַביסל אמת'דיגע תשובה פון א איד איז "מיד תקבלו" כאַפּט מען אים דאָס אַרויס פון די האַנט, אַזוי חשוב איז דאָס דאָרט אויבן אין הימעל.

לענינינו, אין די לעצטע חדשים און יאָרן האָט די הנהלה טאַקע זיך ספּעציעל אָנגעשטרענגט און געזען צו שיקן קיין ארה"ק די תמיכה באַצייטענס. און עס פאסט אפשר נישט צו שרייבן, אָבער איז אומגלויבליך געווען מיטצוהאַלטן דעם "מיד תקבלו" וואו יעדעס ביסל געלט איז ווי אַרויסגעכאַפּט געוואָרן פון אונטער די האַנט ובעודו בכפו יבלענה. עס האָט צומאָל נישט געדויערט קיין גאַנצע שעה ביז דאָס גאַנצע געלט וואָס איז אריבערגעוויירט געוואָרן קיין ארץ ישראל, איז צוכאַפּט און צוטיילט געוואָרן אויף דאָס ערשטע אָרט וואו עס האָט זיך דאַן דאָס מערסטע אויסגעפעלט.

און טאַקע דאָס, דער "מיד תקבלו" איז דער בעסטער איבערצייג ווי שטאַרק מ'פלאָגט זיך דאָרט. וויפיל מ'האָט נאָר געשיקט פון דאָהי, איז דער "לאָך" פון די מוסדות ליידער געבליבן דאָס זעלבע. ניין, נישט דאָס זעלבע. עס איז יעדן חודש געוואָרן אַלס טיפער און טיפער. דער בודזשעט איז געבליבן דאָס זעלבע אָדער איז אפילו פאַרגרעסערט געוואָרן, דאַקעגן פון די הכנסות האָט חודש'ליך געפעלט, וואָס דאָס האָט געברענגט דעם שווערן מצב פון די מוסדות.

**אַזוי איז דער מצב פון די מוסדות געוואָרן אַלס שווערער און שווערער.**

**•וואָס איז געוואָרן?**

**•וואָס איז געווען דער מצב אין ירושלים?**

**•די געפילן פון אַלע שיכטן מאנ"ש?**

**•וועלכע זייפן-בלאָז האָט געפלאַנצט?**

**•און בעיקר וואָס איז דער פלאַן אויף ווייטער?**

**לייענט אין קומענדיגן גליון אי"ה**